כב סיון תשל"ו

# װעגן מבֿײש זײַן ברבים

ליבער דוד ראַסקעס –

ביז הײַנט לאָזט מיך ניט רוען יענער עפּיזאָד בײַ דער זיצונג אין יִװאָ. כ'האָב זיך געיִשובֿט: יאָ שרײַבן ס'בריװל, צי פֿאַרגעסן דעם גאַנצן ענין. אָבער אַזױ װי איר'ט אַנידערגעשטעלט אַזױ אָפֿן די פֿראַגע װעגן קענען און ניט קענען, װיסן און ניט װיסן (װאָס שײך אַ נײַעם קאָלעגע אױפֿן ייִדיש-לימוד), טראַכט איך אַז ניט נאָר מעג מען, נאָר דאַרף אײַך גופֿא דערמאָנען אַן ענין. כ'נעם אָן איר װײסט, אָבער ס'איז אױך מיגלעך אַז איר װײסט ניט װאָס די חכמים האָבן געזאָגט װעגן פֿאַרשעמען אַ מענטשן פֿאַר אַלעמען אין די אױגן.

איז אױב איר װײסט ניט, לאָמיך אײַך דערמאָנען: „װעגן דעם איז אין בוך ניט פֿאַראַן" – איר געדענקט דאָך אַװדאי װעמענס שורה דאָס איז. אָבער אין תלמוד װעט איר געפֿינען אַ צאָל ערטער און איר קענט דאָך יאָ העברעיִשע און אַראַמישע װערטער – איז זײַט זיך מטריח און כאַפּט אַ קוק װאָס דאָס מײנט און װוּ סע געפֿינט זיך װעגן מבֿײש זײַן אַ מענטשן ברבים.

המלבין את פני חבֿירו ברבים אין לא חלק לעולם הבא.

תני תנא קמיה דרב נחמן בר יצחק: כל המלבין פני חבֿירו ברבים כאילו שופך דמים (האָט אַ תלמיד פֿאַרגעלערנט פֿאַר רב נחמן בר יצחק: אַז אײנער טוט פֿאַרשעמען זײַן חבֿר פֿאַר אַ סך מענטשן [אין די אױגן] איז עס גלײַך װי ער װאָלט פֿאַרגיסן בלוט.

בבא מציעא נ"ט

זהר

נוח לו לאדם שיפיל עצמו לתוך כבֿשן האש ואל ילבין פני חבֿירו ברבים.

הגם דאָס לערנט מען פֿון דער מעשה תמר אין חומש בלײַבט עס אױך גילטיק בנוגע אַנדערע פֿאַרשעמענישן.

פֿאַראַנען נאָך װעגן הלבנת-פּנים, אָבער ס'קלעקט.

כ'האָב דאָס געפֿיל אַז ס'איז אַן אומסענסיטיװקייט געװען פֿון אײַער צד: אײן זאַך איז האָבן ספֿקות אין יענעמס קװאַליפֿיקאַציעס, גאָר עפּעס אַנדערש איז אים מבֿזה צו זײַן. אױך װעגן דעם איז פֿאַראַן בײַ ייִדן, אַז דער קענער און װײסער טאָר זיך ניט באַרימען מיט זײַן װיסן.

אַזױ װי איך בין נאָך אַלץ אַ תלמיד פֿון ייִדיש און ייִדישקײט און אַזױ װי מיר האָבן זיך געפֿונען צוזאַמען בעת די מעשה האָט זיך פֿאַרלאָפֿן, האָבן מיר בײדע עפּעס געלערנט דערפֿון: אַז מען פֿילט װי עפּעס צו זאָגן װאָס קען אַ צװײטן װײ טאָן, לאָמיר עס ניט זאָגן פֿאַר אַלעמען אין די אױגן און יענעם מבֿײש זײַן. מײַן בריװל צו אײַך איז ניט חלילה אײַך מבֿײש צו זײַן, נאָר פּשוט דערמאָנען װאָס פּשוטע מענטשן – אָן אַקאַדעמישער בילדונג און אָן דאָקטאָראַטן – װײסן, שפּירן און זײַנען זיך נוהג.

בעסטע גרוסן –

נד"ש (נאָך די שורות):

אין סנהדרין צט געפֿינען מיר: כל המבֿזה חבֿירו בפֿני תלמיד חכם הוא אַפּיקורס. לױט אײַער דרױסנדיקער הנהגה זענט איר דאָך ניט קײן אַפּיקורס. און איטלעכער אױף זײַן שטײגער איז דאָך אַ געלערנטער.